# שוידערליכע טעראר אטאקע אין ירושלים אומגעברענגט הילדה חי׳ זיסל ברוין, ווי אויך א פרוי, הי״ד, און פארוואונדעט פילע אנדערע

ירושלים. - ירושלים תתן קולה, ווען עס איז ליידער פארווירקליכט געווארן דער פסוק ״מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה גם בחור גם בתולה יונק עם איש שיבה״, ווען א פיצל קינד פון דריי בלויז חדשים אלט, האט ליידער פארלוירן איר יונגען לעבן ווען א קאלטבלוטיגער ארבישער יונגער טעראריסט, עבד א-רחמן א-שלודי, איז ארויפגעפארן מיט א שנעלקייט מיט זיין קאר אויף די באן סטאנציע אומברענגענדיג דאס קינד און פארוואונדענדיג 7 אנדערע הי״ד. זונטאג איז געשטארבן איינע פון די פארוואונדעטע, הי״ד.

## די טראגעדיע

די געשיכטע האט זיך אפגעשפילט פארלאפענעם מיטוואך בערך 6:00 אוונט, ביי די גבעת התחמושת באן און באס סטאנציע, ווען אידן זענען געקומען און געגאנגען ווי אין א געווענליכן נאכמיטאג, אריין אין באן און ארויס פון באן, אבער פלוצלינג איז געקומען צו פארן מיט א שנעלקייט א 19 יעריגער אראבישער טעאריסט, וועלכער האט פארקירעוועט זיין ריכטונג פון אלגעמיינעם שאסיי, און איז מיט א ווילדקייט אריינגעפארן צום ארט וואו ציווילע מענטשן זענען אין די באן סטאנציע.

ווי דער טאטע פונעם פיצל קינד, הרב שמואל אלימלך ברוין דערציילט, איז ער געווען אויפ׳ן וועג אהיים פון א לאנגען טאג, אינאיינעם מיט זיין פרוי און זייער פיצל קינד חי׳ זיסל הי״ד, זייער אויסגעבעטענע קינד אויף וועמען זיי האבן געווארט 3 יאר נאך די חתונה.

## וואס דער טאטע דערציילט

דער טאטע שילדערט: מיר זענען ארויף אויפ׳ן באן מיט׳ן קינדער וויגעלע (קערידזש) און דאס קינד, אבער דער אויפזעהער האט אונז געזאגט אז אין דעם באן איז מען נישט ערלויבט אריינצוברענגען קינדער וויגעלעך, דעריבער דארפן מיר אפשטייגן ביים קומענדיגן סטאנציע, וואס דאס איז געווען דער גבעת התחמושת סטאנציע, און פון דארט אריבערגיין צו די אנדערע זייט, צו נעמען אן אנדערע באן וואס זאל אונז אפפירן אהיים.

ווי נאר די ברוין עלטערן און זייער פיצל קינד זענען ארויס פונעם באן, איז דער טעראריסט געקומען צו פארן מיט א ווילדע שנעלקייט, איבערפארענדיג יעדן וואס שטייט אים אין וועג. ער איז געפארן העכער פונעם קינדער וויגעלע, אלס רעזאלטאט איז דאס פיצל קינד געפלויגן הויך אין די לופטן און געלאנדעט אויף די הארטע שטיינערנע ערד.

## דער הצלה וואלונטיר מיט׳ן קינד אין האנט

ר׳ אברהם שטיינהערץ, א הצלה מיטגליד וועלכער איז געווען נישט ווייט בשעת ווען עס האט פאסירט, דערציילט, אז ער האט באקומען א ״ביפ״ אז עס האט נארוואס פאסירט א טעראר אטאקע, און ווער עס איז אין די געגענט זאל קומען. ער איז געווען א סעקונדע אוועק, און איז באלד אנגעקומען צום פלאץ. די טאטע און מאמע האבן אים איבערגעגעבן דאס פיצל קינד, און טראץ דעם שרעקליכן פאניק האבן זיי אים איידעל ״מסביר געווען״ וואס דא האט פאסירט, אז אן אראבישער טעראריסט האט אריינגעשטויסן אינעם קינד מיט זיין אויטא, און דאס קינד איז געפלויגן ל״ע אין די לופטן. זיי האבן אים איבערגעגעבן דאס קינד און געזאגט: ראטעוועט זי!

אט דאס בילד איז פארשפרייט געווארן איבער די גאנצע וועלט, ווי אזוי דער הצלה עסקן ר׳ אברהם שטיינהערץ לויפט מיט׳ן פיצל קינד אין די הענט אין ריכטונג פונעם הצלה טענדער.

ר׳ אברהם זאגט אז זייענדיג אין הצלה שוין העכער 25 יאר, האט אים אבער דער מצב פון שטיין מיט אזא פארוואונדעט קינד אין די האנט, גאר שטארק איבערגענומען, און עס רייסט אים ביים הארץ און שטערט אים די שלאף פון די נאכט.

ער זאגט אז עס איז אומבאגרייפליך דער געוואלדיגער קידוש השם, ווי אזוי די צעבראכענע עלטערן האבן אין די ערשטע מינוטן פון די שרעקליכע טראגעדיע געהאלטן קאפ ווי אזוי זיך אויפצופירן ווי א איד אין אזעלכע שווערע אומשטענדן ל״ע.

## די פגירה פונעם טעראריסט

דער ארגינעלער פלאן פונעם טעראריסט איז געווען נאר ״דורכצופארן״ די באן סטאנציע, און אנטלויפן פון די אנדערע זייט און פארשוואונדן צווישן די מאסן קארס אויפן פארנומענעם שאסיי, אבער ער איז פון גרויס ווילדקייט אריינגעפארן אין אן עלעקטריק שטאנג, פון וואס זיין קאר איז געשטראנדעט געווארן. דאן איז ער ארויסגעלאפן פונעם קאר, און האט אנגעהויבן צו אנטלויפן צופיס, די פאליציי האבן אים אבער באוויזן אראפצוהאלטן און אים געשאסן אין די פיס אז ער זאל נישט קענען אנטלויפן. מען האט אים אראפגעהאלטן אויף דער ערד. ער איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל וואו ער האט אויסגעבלוטיגט פון זיינע וואונדן.

אייניגע מינוטן נאך די טעראר אטאקע איז הרב בנציון אויערינג פון ״זקא״ שוין דארט געווען. מיט זיין געניטגקייט האט ר׳ בנציון גענומען די זאך אין די האנט, און האט קאארדינירט די מאסן הצלה און ״זקא״ וואלונטירן. מען האט אפגעפירט אלע פאר־וואונדעטע אין שפיטאל, אריינגערעכענט א חרדישע פרוי מיט שווערע וואונדן און צעבראכענע גלידער.

## די צווייטע קרבן הי״ד

זונטאג מיטאג איז ליידער אריינגעקומען די נייעס אז די 20 יעריגע פרוי, א נארוואס-געווארענע גיורת פון דרום אפריקא, האט ליידער אויסגעהויכט איר נשמה פון די וואונדן, און איז געקומען לקבורה אויפ׳ן הר הזתים. איר מוטער איז זונטאג אנגעקומען פון אפריקא, א קורצע צייט פאר איר פטירה.

## הרב בנציון אויערינג ביים שפיטאל בעטל

דאס קינד חי׳ זיסל הי״ד האט מען באזונדער אפגעפירט אין שפיטאל אין גאר א שווערן מצב, און ר׳ בנציון איז מיטגעפארן אינאיינעם מיט די עלטערן און דאס קינד צום הדסה הר הצופים שפיטאל. ער איז געשטאנען צו די האנט פון יונגען טאטע וועלכער האט אליין געדארפט צוקומען צו מעדיצינישע הילף דורכאויס די ערשטע צייט נאך די אטאקע.

ר׳ בנציון זאגט אז מען האט זייער שווער געארבייט צו ראטעווען דאס קינד, אבער ליידער איז שוין געווען כבר נגזרה גזירה. איצט האט ר׳ בנציון געקעמפט צו פארמיידן בזיון המת, זיכער צו מאכן אז די אבו כביר באאמטע לאזן ארויס די נפטרת אן קיין בזיון המת.

רעדענדיג פונעם יונגערמאן ר׳ שמואל אלימלך ברוין הי״ו, דער טאטע פון הילדה לאה זיסל הי״ד, איז דער רב שטארק באצויבערט פון זיין התמדת התורה, ווי ער זיצט און לערנט אין ירושלים. דער יונגערמאן איז א תלמיד פון די ישיבה פון פאסעיק וואו ער האט תורה געלערנט ביי הגאון ר׳ מאיר שטערן שליט״א, און לערנט איצט אין ירושלים ביי הגאון ר׳ מאיר סאלאוויטשיק שליט״א זון פונעם בריסקער ראש ישיבה.

די מאמע פונעם קינד איז א טאכטער פון ר׳ שמשון האלפרין פון מאנסי, א זון פון באקאנטן ר׳ רפאל האלפרין פון אר״י וועלכער האט געהאט די גלעזער געשעפטן נעץ. עס זענען שוין געשריבן געווארן ביכער איבער זיין פערזענליכקייט.

ר׳ שמשון איז געווען אויף יו״ט סוכות אין אר״י, און ווען די טראגעדיע האט פאסירט איז ער נאך געווען אין ארץ ישראל, אבער זיין אידענע איז שוין געווען אונטערוועגנס צוריק קיין ניו יארק. ווען זי איז אנגעקומען קיין ניו יארק איז זי אפגעווארט געווארן דורך פאמיליע מיטגלידער וועלכע האבן איר איבערגעגעבן די שווערע נייעס, און מיט׳ן עסקנות פון הרב יעקב מייער פון ״מתעסקים״ האט מען באלד ערלעדיגט א פליגער צוריק קיין ארץ ישראל.

## די הארצרייסענדע לוי׳

הונדערטער צעבראכענע אידן האבן אנטייל גענומען מיטוואך נאכט ביי די לוי׳ פון חי׳ זיסל ברוין הי״ד, וואס איז פארגעקומען אין שמגר ירושלים.

א שטיין איז צעלאזט געווארן פון הספד פונעם טאטן וועלכער האט מספיד געווען זיין אויסגעבעטענע בת יחידה און געזאגט אז זי האט געהייסן ״זיסל״ און איז געווען זיס. זי האט שטענדיג געשמייכעלט און אריינגעברענגט א זיסע נחת פאר אלעמען.

מיט א דרייסטקייט האט דער טאטע אויף זיך מצדיק געווען את הדין און געזאגט, אז אזוי ווי א קליין קינד פרעגט נישט קיין שאלות פונעם טאטן, זענען מיר ווי קליינע קינדער פון באשעפער, בנים אתם לה׳ אלוקיכם, און מיר פרעגן נישט קיין שאלות.

דער טאטע האט דערביי דערציילט אז ער האט געזאגט פאר׳ן קינד די תפילת השל״ה ביי זיין נסיעה יענעם טאג אויף קברי צדיקים, אבער ליידער האט ער נישט זוכה געווען זי מחנך צו זיין.

תנצב״ה.



## הילדה חי׳ זיסל ברוין ע״ה - שמועס מיט הגה״צ רבי אברהם חיים הלברשטאם שליט״א, לאס אנזשעלעס

הילדה חי׳ זיסל ברוין הי״ד איז געווען די טאכטער פון האברך ר׳ שמואל אלימלך ברוין הי״ו, וועלכער איז א זון פון מו״ה משה יעקב ברוין הי״ו אב״י אין לאס אנזשעלעס.

אין א שמועס מיט ״די צייטונג״ שילדערט הגה״צ רבי אברהם חיים האלברשטאם שליט״א דעם נאבעלן יחוס פון משפחת ברוין, וואס גייט נאך צוריק צו די תקופות ווען דער שווער פון מו״ה משה יעקב ברוין הי״ו, הרה״ח ר׳ יחיאל קליין ע״ה, איז געווען צווישן די חשוב׳ע מתפללים אין קהל עצי חיים אין לאס אנזשעלעס און האט זיך פאררכענט צווישן די חשובע תומכי ונכבדי הקהילה.

דער רב שליט״א באצייכענט די ברוין פאמיליע אלס נאבעלע אידן וועלכע זענען גרויסע בעלי צדקה און בני תורה, און שטאמען פון חשוב׳ע שטובער.

באזונדער באוואונדערט דער רב שליט״א די אויסטערלישע קבלת יסורים באהבה וואס דער זיידע מו״ה משה יעקב ברוין הי״ו האט ארויסגעוויזן ביים הערן די שווערע בשורה אז זיין דריי חדשימ׳דיג אויסגעבעטן אייניקעל איז געווען א קרבן ביי די שווערע טעראר אטאקע. דער רב שליט״א איז דאן אריבער צו משפחת ברוין אין שטוב זיי צו שטיין צו די האנט און מחזק זיין אין אזא שווערע פארלעגנהייט, און זיי באגלייטן צו זייער רייזע קיין ארץ ישראל, וואו זיי זענען געפארן צו זיין ביי די האנט פון זייער זון.

## איזראעלי שולעס לייגן אפ געפלאנטע באזוכן קיין ירושלים

באאמטע פון תל אביב שטאטראט האבן זונטאג געמאלדן אז זיי האבן נאכגעגעבן דעם פארלאנג פון עלטערן פון סטודענטן אין די 8׳טע קלאס אפצולייגן א רייזע וואס איז געווען אין פלאן פאר רוב שולעס אין תל אביב, קיין ירושלים, צוליב דעם מער-אנגעצויגענעם מצב דארט.

אין א לאנד וואו מען געוואוינט זיך צו אז מ׳דארף און מ׳קען לעבן מיט טעראריזם, איז מען אבער פארט אויפגעטרייסעלט געווארן פון דעם אינצידענט פון פאריגן מיטוואך, ווען דער פאלעסטינער טעראריסט וואס האט געהאט א היסטאריע פון אנטי-איזראעלי געוואלדאטן איז אריינגעפארן אין די אידן ביי די באן סטאנציע פון וואס דאס קליינע מיידעלע איז נעבעך אומגעקומען און נאך 8 זענען פארוואונדעט געווארן. לויט׳ן פלאן, האבן די שולע קינדער פון תל אביב געדארפט באזוכן ערגעץ נעבן דעם פלאץ פון די אטאקע.

די תל אביב באאמטע האבן אבער באטאנט אז עס איז נישטא קיין ״אלגעמיינע אנווייזונג״ אפצורופן שולע באזוכן קיין ירושלים, און אן אנדערע רייזע וואס דארף פארקומען קומענדיגע וואך, וועט יא אנגיין. פונדעסטוועגן זענען ירושלים שטאטישע באאמטע שטארק אויפגערעגט אויפ׳ן אפשטעלן דעם באזוך פון די וואוך. זיי האבן דערקלערט אז ירושלים איז א ״פארזיכערטע און אפענע שטאט״, און אויב מ׳שטעלט אפ באזוכן, וועט דאס ״באלוינען די וואס שטערן די מנוחה״ אין די שטאט.

אין צוגאב צו די טראגישע אטאקע פון פאריגע וואך, איז לעצטענס פארגעקומען געשלעגן צווישן די פאלעסטינער שטיין-ווארפער און די איזראעלי פאליציי אין עטליכע פלעצער. די אנגעצויגענקייט האט זיך שוין אנהויבן זינט׳ן זומער, וואס פאלעסטינער מיט כאמאס פארבינדונגען האבן פארכאפט און גע׳הרג׳עט די 3 אידן הי״ד און אויף דעם האט מען פארכאפט און פארברענט א פאלעסטינער יוגענטליכן אלס נקמה, און דערנאך איז געקומען די עזה מלחמה וואס האט אנגעהאלטן איבער 50 טעג, ממילא איז סיי ווי געווען אנגעצויגענע באציאונגען וואס איז נאך פארשארפט געווארן ווען מתנחלים זענען אריין אין סילוואן, וואס איז אן אראבישע געגענט אין ירושלים.

צוליב דעם אלעם, איז נישט קיין וואונדער אויף דעם איצטיגן באשלוס פון תל אביב.